# אין יענעם טאָג איז אַ מענטש באַגאַנגען זעלבסטמאָרד

געווידמעט ש. הא.

קומט ער פֿון וועלטס אומגעריכטקייט,
ווי דער מענטש האָט דעם ווינט ערשט דערהערט,
גלײַך ווי נישט אַלט איז די ערד
און דער בוים איז גאָטס קינד, ווי פֿאַרצײַטן;
קומט ער פֿון וועלטס אומגעריכטקייט,
קומט ער פֿון שטילער געדיכטקייט,
קומט ער פֿון וועלדל פֿון ווײַטן.

קומט ער מיט קיינעם נישט שטרײַטן,
ער וויל דאָ זײַן גליק נישט פֿאַרבײַטן,
ער צערטלט און טוליעט זײַן גליק,
וואָס שטאַמט נאָך פֿון וועלדל פֿון ווײַטן.

נאָר ער וועט נישט גיין שוין צוריק.
דאָ וויל ער דופּטן און בלײַבן,
דאָ וויל ער זיס זײַן און שטײַגן.
אלא וואָס? מען זעט נישט קיין צווײַגן?
נישט פֿעלדער מיט גריקע פֿאַרזייטע?
נאָר מענטשן, ווי שטריק אויסגעשפּרייטע,
הענגען זיך איינע די צווייטע?

אלא וואָס? מען זעט נישט קיין צווײַגן?
האָט ער הענט, ווי געבעטן, וואָס שווײַגן,

און אויגן וואָס וואַקסן אין רוים
רײַכער אַ סך פֿון אַ בוים,

און אַ האַרץ, וואָס גלאַנצט אויף געוויין,
ווי אַ בלימל, וואָס דרימלט אויף ליים...

און אַזוי וויל ער בליִען און שווײַגן.
— —
און אויב וועלט האָט שטאָלענע קאַרבן,
קלעמט דעם צאָן אין איר אייגענעם שאַרבן, —
וועט ער די ערד מיט זײַן בלוט טיף באַפֿאַרבן,
די זיסקייט זאָל העכער אויפֿשטײַגן...
ניין, ער וויל רויק נישט שטאַרבן.

לויפֿט ער אַרום אויף די וועגן
און האַלט אין איין פֿרעגן און פֿרעגן:
גאָט, אַווּ איז דײַן פֿאַרמעגן?

אויב וועלדעלע קליינס איז דײַן היים,
אויב מענטשעלע ריינס זיצט אין ליים,
און וועלטעלע גרויס איז נישט שיין. —
הײַנט ווו זשע איז גאָט דײַן פֿאַרמעגן
אויב וועלדעלע קליינס איז דײַן היים?..

הײַנט יובֿילייבוך, 1908—1928, וואַרשע.